195

№ 105

# ליטעראַרישע זאַמלונג

# לכבוד פסח.

רעדאַנירט דורך ה. ד. נאָמבערג.

## אינהאלט:


א) ווײסענבערג. אַ מעשה מיט אַ ציג.
ב) שלום אַש. דער זינדיגער.
ב) אײנהאָרן. פריהלינג.
ג) אָנסקי. דער קינסטלער.
ד) יהודית. אין שלאָפצימער.
ה) ניגער. פאַר פריהלינג.
ו) באָני-ברכות. פסח-געדאַנקען.
ז) קאַפּלאַנאָוויטש. פון אומעט.
ח) לעאָן גאָנדילאָ. אַ שלאָפלאָזע נאַכט.
ט) לאַפּין. ....
י) דניאל טשאַרני. דו האָסט זיך געשעמט.



פרײז 18, אױסלאַנד 20 ק.

אַרויסגעגעבען
פערלאַג „די וועלט“
ווילנא — 1908

## דָניִאֵל טְשַׁאְרנִי.

# דו האָסט זיך געשעמט...

איך מיר האָסטו לאַנג שוין געוואַרט,
האָסט גלאַט דײַנע לאָקען פֿערקאַמט,
געקוקט האָסטו שטראַלענד און צאַרט, —
דו האָסט זיך געשעמט...

דו האָסט זיך געזעצט נעבען מיר,
דײַן קאָפּ אָן מײַן ברוסט אָנגעלעהנט,
צופֿלאַמט האָט אַ טרויס זיך בײַ דיר, —
דו האָסט זיך געשעמט...

געוואָלט האָסט מיר טרויען דײַן גליק,
וואָס האָט זיך בײַ דיר איצט צובּרענט,
גערעדט האָט מעהר ניט ווי דײַן בליק, —
דו האָסט זיך געשעמט...

איך האָב ניט געוואוסט, אַז עס בענקט
דײַן האַרץ און עס ציטערט און קלעמט,
איך האָב דיר, אַך, גאָרנישט געשענקט, —
דו האָסט זיך געשעמט...



## יְהוּדִית.

# אִין שְׁלָאפְצִימֶער.

— אַהַהַ — האָט מירעל געצויגען, טוליענדיג זיך מיט איהר גאַנצען קערפּער צום בעט און וויקלענדיג זיך אין דעקע — אַנגענעעם!.. מאָדנע בעטען זענען דײַנע, אַזעלכע ברייטע, אַזעלכע ווייכע... איך האָב ליעב אַזאַ בעט, און דײַנע דעקען זענען אויך אַזעלכע וואַרימע.

— זיי געפֿעלען דיר, אמת? איך האָב ליעב צו זײַן גוט אײַנגערעקט, נאָר אַ שטיקעל לײַב שטעק איך מיר אַרויס, אַ שטיקעל האַנד אָדער אַ פֿוס, איך פֿיהל איבער זיך אַ ווינדעלע... נו, שלאָף, מירעלע, איך לעש אויס דאָס פֿײַער.

— גוט נאַכט — האָט מירעל געענטפֿערט פֿון איהר בעט.

מירעלע, אפֿשר וואָלסטו פֿערמאַכען דאָס פֿאָרטעל, עס איז חינדיג עפּעס, עס זאָל בײַ נאַכט קײַן רעגען ניט זײַן, די בוימער רוישען אַזוי...

— זאָל זײַן דערווײַל אָפֿען, איך וועל פֿערמאַכען, זײַ רוהיג. עס וועט קײַן רעגען ניט זײַן — האָט מירעל געזאָגט, אויפֿהויבענדיג זיך אויף אַ האַנד צום פֿענסטער, דער הימעל איז אַזוי ריין, די לבנה אַזוי משונה־דיג מילד... עט, מאַלע וואָס אַ ווינדעלע הוליעט זיך אונטער, שרעקט דעם עולם.

— דו רעכענסט?...

און ווי סאַמעט איז איהר לײַב
און איהר קוש ווי פֿײַער ברענט —

האָט מירעל אָנגעהויבען שטיל פֿאַר זיך צו רעקלאַמירען און האָט זיך צולאַכט: — גינע, דו שלאָפֿסט? אָבער האָט שרה פֿאַרט געקראָגען וועמען אָבצוגעבען איהר היילינגטום, איהר אונשולד, וועלכע

זי האט אזוי צארט געהיט... ביז גרויע האר, הא—הא—הא! א, כשרה נשמה!

— וואס לאכסטו אזוי, מירעלע, דו מיינסט אז אלטע קענען שוין ניט ליבען?

— א, ניין, איך מיין דאס גאר ניט, פערקעהרט, מיר געפעלען אידרע ערשטע הייסע ארמען, און ער — א, אונגליקליכער — הייסע ארמען, ווילדע קושען און פערשימעלטע אונשולד — הא—הא—הא!

— פי, ווי דו דריקסט זיך אויס.

— דיך שאקירען מיינע ווערטער? ניט בעפוצט? דו האסט ליעב יום-טוב'דיג! —

— דו האסט שוין א חתן, מירעל?

— א געליבטען?... יא, עס וואלט ניט שאדען — א געליבטען אויף א ווײלע — האט מירעל געלאכט.

— רעד ניט קיין נארישקייטען.

— ניט נארישקייטען, ליבען לוינט נאר אויף א ווײלע, לאנג ליבען איז אומעטיג. פערשטעהסט, ליבע ווערט קאליע, ווען זי האלט זיך צו לאנג, זויער ווערט זי, פערשימעלט.

— ווי אלט ביזטו, מירעלע?

— דו זארגסט אפשר פאר מיין אונשולד? צו שפעט, איך האב זי שוין לאנג פערלארען...

— וואס מיינסטו דערמיט? — האט גינע געפרעגט און אוועקגעזעצט זיך.

— ניט שרעק זיך, מיין קעצעלע, א פאר שענע שטארקע הענד האבען זי ביי מיר צוגענומען...

— אנעלעקטרישער שטראם איז מיר דאן דורכגעגאנגען פון יענע ארמען, איך האב ערפיהלט עפעס נייעס...

איך האב איהם אזוי נייגעריג אריינגעקוקט אין די אויגען, אזוי ווי איך וואלט דארטען וועלען דערגעהן דעם סוד פון מיין נייען געפיהל...

— ווערמענס ראל שפּילסטו? פון וועלכער פיעסע?

— מיין אייגענע, איך רייד ערנסט.

— דו האסט געליבט? און איצט?

— איך האב געליבט פרעגסטו? יא, איך האב געליבט, זיך, דו פערשטעהסט, זיך האב איך געליבט, מיין געפיהל, מיין פערגעניגען....

— מירעל, דו רעדסט ערנסט? אזא ליבע פערשטעה איך ניט, א יונג מיידעל ליבט ניט אזוי, זי ליבט גייסטליך, קערפערליכע ליבע קומט דערנאך, מיט דער צייט, אונבעמערקט. א יונג מיידעל איז זיך דריגען גאר ניט חושד...

איך בין דאך אויך נאך אזוי ניט לאנג יונג געוועזען, איך גע-



דענק... מיין ליבע צו דודען האב איך געהאלטען פאר צופעליג.

ווען איך טרעף א פרוי מיט זיינע מעלות, וואלט איך זי אויך אזוי ערנסט געליבט, האב איך געמיינט.

שעה'ן-לאנג פלעג איך ליבען איהם צו הערען, ער האט אזוי קלוג, אזוי טיעף אלץ פערשטאנען... מיין איינציגער פערלאנג איז געוועזען — פערשטעהן דודין, זיין ווי ער...

— א, הייליגע מאגדאלענע? ער, דיין גאט, איז אויך אזוי הייליג געוועזען ווי דו?

— ... איך געדענק זיין ערשטען קוש: ער האט זיך אנגעריהרט מיט זיינע ליפען אן מיין שטערן, ווי מען ריהרט זיך אן א צארטע, נאך בעטויטע בלום...

איך האב זיין קוש ניט געפיהלט, איך האב נאר געפיהלט, אז ער איז מיר נעהענטער, ליבער געווארען...

— און דער נאך?

— נאכהער איז אלץ אזוי געגאנגען נאטירליך, איך האב זיך אליין ניט ארומגעזעהן, ווי מיר זענען נאהענט געווארען...

— נו, און וואס האט געמאכט דאן דיין גייסטליכע ליבע?

— איך געדיינק אנ'אווענד. דאס איז געוועזען אין פריהלינג, פסח, ערב פסח, שפעט פארנאכט. מיר זענען געוועזען אליין אין מיין צימער, קיין פייער האט ניט געברענט, נאר די לבנה א גאנצע, א העלע האט אריינגעקוקט אין פענסטער און בעגאסען אונז מיט א בלאסען שיין...

איך האב געטוליעט זיך צו דודין, געקוקט אין די אויגען, געגלעט זיין געזיכט.... — איך בין דיינע? — האב איך דודין געפרעגט, אז ער האט מיך צוגעצויגען צו זיך און ארומגענומען... ער האט מיר גאר נישט געענטפערט און נאך פעסטער געדריקט צו זיין ברוסט....

— דיינע בין איך — האבען מיינע ליפען גערעדט — דיינע, אמת?

— מיינע, מיין ווייבעלע — האט ער מיר געענטפערט און בעשאטען מיין געזיכט מיט קושען.

— גוטער מיינער, איינציגער מיינער — האט זיך ארויסגעריסען פון מיין הארצען, מעהר האב איך גיט געקענט רעדען, מיין הארץ איז מיר פול געוועזען מיט א וואונדערליכען געפיהל, איך האב געפיהלט אז איך בין פעהיג אויף דעם גרעסטען אפפער, ווען דודין זאל דאס נאר געפעלען... עס קאן זיין מיר האט זיך געדוכט, נאר די לבנה איז ווי נעהענטער געווארען און א גרויסע, א שמייכלענדע האט זי אריינגעקוקט צו אונז...

מיך האט א ציה געטאן אין גאס, מיר האט זיך פערוואלט צום פרישען הימעל, צו דער בענייטער נאטור...

— קום אין גאַס — האָב איך געזאָגט און אויפֿגעשפּרונגען פֿון אָרט.

דאָס איז געווען אַ וואונדערליכער אָוועגד, עס קען זיין דער אמת׳ער פֿריהלינג פֿון מיין לעבען....

— הער, ווי פֿריי עס פֿליסען זיך די וואַסערליך צווישען די שטיינדעליך און רינעליך — האָב איך געזאָגט צו דוד׳ן אַז מיר זענען געווען אויפֿ׳ן גאַס — ווי שען זיי מורמלען זיך...

— אַך, דינינקע, יונגינקע שטראָמעליך! ווי נאָהענט, ווי ליעב זיי זענען מיר געווען אין יענעם אָוועגד! איך האָב געפֿיהלט, אַז אין מיר פֿליסט אויך עפּיס נייעס, עפּיס פֿרישעס, אַז איך פֿליס צוזאַמען מיט זיי, אַזוי פֿריי, אַזוי זאָרגלאָז....

אין גאַס איז געווען שטיל, נאָר ערטערווייז האָט זיך געהערט אַ ניגון פֿון דער הגדה.

און מיר זענען זיך געגאַנגען, געגאַנגען, געקוקט אויפֿ׳ן הימעל, געקוקט אויף די שטערן און געשוויגען...

— קום צו אונז — האָט מיר דוד פֿאָרגעלעגט — קום צום סדר.

— דו ווילסט? — האָב איך געפֿרעגט און געטוליעט זיך צו איהם. ווי אַ זון האָט איך אויסגעזעהן דאַן ביי דוד׳ן אין שטוב. אַלעמענס אויגען האָבען זיך געקעהרט צו מיר, אַזוי ווי זיי וואָלטען אַרום מיך זיך וואַרימען, זיי האָבען אויף מיר געקוקט אַזוי ליעב, אַזוי פֿריינדליך... איך האָב דאָס געפֿיהלט און גליקליך געשמייכעלט.

— רייזעלע, האָב איך געזאָגט צו דוד׳ס קליין שוועסטעריל, אָברופֿענדיג זי אָן אַ זייט — דו זעהסט מיין אונטערקלייד, דיר געפֿעלט? (איך האָב דאַן געטראָגען אַ שוואַרץ אונטערקלייד מיט ראָזע קרייזעליך).

— אָ, יאָ! — האָט זי געענטפֿערט, און איהרע אויגעלעך האָבען געשטראַהלט.

— און איך געפֿעל דיר? — האָב איך זי געפֿרעגט און צולאַכט זיך ווי אַ קינד.

— וואָס לאַכסטו, גינע? — האָט מיך דוד געפֿרעגט, צוגעהענדיג צו אונז.

— ווייס איך? מיר לאַכט זיך — האָב איך איהם געענטפֿערט. איך וועל קיינמאָל ניט פֿערגעסען זיין בליק אין יענעם מאָמענט. ער האָט מיר צוגעזאָגט אַזוי פֿיעל גליק...

צוריקוועגס צו מיר אַהיים האָט מיר דוד געזאָגט:

— מיינע האָבען ערשט היינט בעמערקט, אַז דו ביזט אַ שענע.

— איך בין אַ שענע, דו רעכענסט? — האָב איך איהם געפֿרעגט און געקוקט ענטציקט אין געזיכט.

מיט אַ קוש האָט ער מיר געענטפֿערט אויף מיין פֿראַגע.



איצט נאָר פֿערשטעה איך, פֿאַר וואָס מען טהוט אָן אַ כלה צו דער חתונה אַ קראַנץ, מען רעכענט, אַז זי דאַרף זיין אַ גליקליכע. — חען מען וואָלט מיר יענעם אָוועגד אָנטאָן אַ קראַנץ פֿון מירטען בלעטער, וואָלט ער מיר אַזוי געפּאַסט... איך בין געווען אַזוי גליקליך, אַזוי גליקליך...

— איך בין געווען אַזוי גליקליך, אַזוי גליקליך — האָט מירעל נאָכגעזאָגט, איהר שטים האָט זיך אָבגעריסען אין דער פֿינסטער ווי אַ נ׳עלאָ — און דער נאָך?

אַ בליץ האָט זיך דורכגעשניטען דורכ׳ן פֿענסטער און אַריינגעקוקט אין צימער...

— אַך, איך האָב זיך פֿערעדט... איך האָב דיר געוואָלט זאָגען, אַז דו אָריענטירסט זיך שלעכט אין דיינע געפֿיהלען, דו גיבסט זיי צו אַ ווילדע פֿאַרב... אָדער איך האָב דיך, מירעלע, אפֿשר ניט פֿערשטאַנען?

— איך ווייס ניט, פֿערשטעה ווי דו ווילסט, רוף עס אָן גייסטליך, רוף עס אָן קערפּערליך — איך האָב געליעבט!..

ער איז געווען שען, יונג און שטאַרק — איז דען דיר ניט גענוג? אַנ׳אַראָמאַט פֿון לעבען האָט פֿון איהם געטראָגען, גערופֿען צו זיך, געצויגען ווי אַ מאַגנעט... זיין הייסער שטאָלצער בליק האָט מיר מיין בלוט ג׳עברענט. און אָפֿט, ווי אַנ׳אָבגעטונקטע אין אַ געדיכטע ראָזע פֿאַרב, פֿלעגט זיך מיר וועלען איהם זאָגען: דו חילסט מיין שענקייט, נעהם מיך!

— דו ה—אָ—סט ג—ע—ל—י—ע—ב—ט?! און איצט?

מיר האָבען געהאַט אַ באַרג אין וואַלד, אַ בעוואָקסענעם מיט הויכע יונגע בוימער, עס האָט זיך געדאַכט, זיי דערלאַנגען דעם הימעל. אַהין פֿלעגען מיר קומען ביידע יעדען טאָג, צו איין צייט, האָטש מיר פֿלעגען קיינמאָל זיך ניט צונויפֿרעדען.

— מרים! — האָט ער איינמאָל הויך אויסגעשריען, אַז ער האָט מיך בעמערקט פֿון חייטען אין טאָל... זיין ריינע שטאַרקע שטים האָט אין לופֿטען געקלונגען מיט אַ זילבער קלאַנג... איך האָב אויפֿגעהויבען די אויגען, אונזערע בליקען האָבען זיך בעגעגענט... צווישען די הויכע, שטומע בוימער האָט ער מיר אויסגעוויזען ווי אַ געהיימניספֿולעס, העלערעס וועזען, זיין בליק האָט געברענט מיט אַ וואונדערליכען פֿייער פֿון לעבען...

ער איז מיר געלאָפֿען אַנטקעגען. איין מאָמענט — און איך בין געווען אויף זיינע הענד אין דער לופֿטען. אינסטינקטיוו האָב איך איהם אַרומגעכאַפּט דעם האַלז מיט ביידע הענד און צוגעדריקט זיך מיט׳ן גאַנצען קערפּער. אַ אונגעהויערע וואַרימקייט האָט בעגאָסען אַלע מיינע גלידער, מיר האָט זיך געוואָלט די זאַכען

אַראָבוואַרפֿען... אין יענעם מאָמענט האָבען מיר געהאַט איין געפֿיהל, איין פֿערלאַנג, מיר זענען געווען איין מענש...

— דו רעדסט ערנסט? און דערנאָך?

— דערנאָך?.. דערנאָך איז דער זומער אַוועק, די זון האָט זיך בעהאַלטען און אונזער בערגעל מיט זײַנע בוימער איז אומעטיג געוואָרען. אַנשטאָט זייער ליעבליכען דורכרײַדען זיך, האָט זיך נאָר געהערט אַ טרוקענעם רוישען פֿון געלע צוטריקענטע בלעטער...

— דאָס איז געווען דײַן ערשטע ליעבע?

— די ערשטע און דערהײַל די לעצטע — האָט מירעל ווידער געלאַכט.

— זאָל דיר גאָט העלפֿען. מיר דוכט, אַז ליעבען ליעבט מען נור איינמאָל, די איבריגע, פֿאָלגענדע זענען נור אַ ווידערהאָלונג פֿון דער ערשטער, נאָר אין אַנ'ערגערער אויסגאַבע...

— דו האָסט אַ טעות, יעדע ליעבע האָט איהר בעזונדערע פּראַכט... שטעל זיך פֿאָר: יעדען טאָג אַ פֿרישע נײַגעבאָרענע זון און אַ בענײַטע ערד — יעדען טאָג אַ פֿרישע נײַגעבאָרענע ליעבע, אַ בענײַטע נשמה...

— מיר איז דאָס פֿרעמד...

— לערן זיך און פֿערשטעה...

— צו וואָס? איך פֿיהל... עמיצער האָט אויבען אַ פֿענסטער געעפֿענט. שש... מען רעדט.

— ווער קען דאָרטען שטעהן, ווי מײַנסטו? — האָט מירעל געפֿרעגט שטיל.

— ווײס איך... מאָדנע קלינגט אָב בײַ דער נאַכט יעדער טאָן, אַזוי ווי פֿון אַ סוד וואָלט עס רעדען...

— ווי מײַנסטו, ווער שטעהט דאָרטען? — האָט מירעל ווידער געפֿרעגט.

— וואָס מאַכט עס אויס?

— רעד ניט, עס מאַכט אויס, אַ יונגער אָדער אַנ'אַלטער, אָדער אֶפּשר גאָר אַנ'אַלטע יודינע — האַ—האַ—האַ! פֿון וואָס קלערען די אַלטע, ווען זיי שלאָפֿט זיך ניט?

— שש... גיט לאַך אַזוי ווילד. איך וואָלט טאַקע וועלען וויסען ווי פֿיהלען די שענע פֿרויען איך דער עלטער?

מען זאָגט, אַז די פֿרומע פֿון זיי זאָגען אויף דער עלטער גאַנצענע געלט תהלים און די ניט פֿרומע... אין אַ יאָהר פֿינף און צוואַנציג אַרום וועל איך דיר דאָס קענען גאַנץ ריכטיג זאָגען.

— דו האַלטסט זיך, ווי איך זעה, פֿאַר אַ שענע?

— און ווי מײַנסטו?

— דו קענסט געפֿעהלען...



— „ביז וואַנען דו ביזט יונג", יאָ?

— אײַ, מירעלע, מירעלע, רעדסט דו רעד!..

— נו, שלאָף, גיניע.

. . . . . . . . . . . . . . .

עס פֿינסטערט. אַ גוס-רעגען. דאָס צימער איז אָנגעפֿיהלט מיט רעגען-ריח. אייַנצעלנע טראָפּענס, אָבגעריסענע פֿון די איבריגע הברים, טרעפֿען אין פֿערטעל און פֿאַלען וואו עס מאַכט זיך. עס הערט זיך אַ בולבלערײַ און אַ פֿרעהליכער געלויף פֿון וואַסער. שטיל. דורכ'ן וואַנד הערט זיך אַ פֿערשטיקטער טיק-טאַק, טיק-טאַק...

## ב׳ לַאפּין.

* *

*

ס'איז אומעטיג... ניטאָ איין פֿרײַנד
מיט וועמען כ'זאָל מײַן אומעט טיילען,
אין האַרצען גליהט מײַן אַלטער מוד
ניטאָ פֿאַר וועמען איהם דערצעהלען...

ס'איז אומעטיג... און רגע-ווײַז
שטאַרבט אָב אַ שטילער טרוים פֿון לעבען;
איך האַלט אַ בלומען-קראַנץ אין האַנד
ניטאָ, אַך, וועמען איהם צו געבען...

ס'איז אומעטיג... און ס'ציהען זיך
די טעג און יאָהרען, שוואַרץ אָהן פֿאַרבען,
איך זינג אַליין מײַן טרויער-ליעד, —
זי וועט מיט מיר צוזאַמען שטאַרבען...